בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# הֵיילִיגֶע אוֹיגְן

**דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אַ אִיד צוּ הֵיילִיגְן זַיינֶע אוֹיגְן. וֶוען אַ אִיד וִויל זַיין הֵיילִיג, דַארְף עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הֵיילִיגְן זַיינֶע אוֹיגְן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. מִיט עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן.**

**אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס ״עֵינַיִם קְדוֹשׁוֹת״ פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַריין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט**

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא״ש זי״ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש״ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - ווילְיַאמְסְבּוּרְג

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הֵיילִיגֶע אוֹיגְן

## א

### דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז דִי אוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ. דָאס מֵיינְט אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז וָואס עֶר זֶעט נָאר פַאר דִי אוֹיגְן, זָאל עֶר גְלַייךְ קוּקְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דִי זַאךְ. וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּאטְשׁ וָואס מִיט אוּנְזֶערֶע

אויגן זעען מיר פילע זאכן אויף דער וועלט, מיר זעען זאכן וואס זענען א דומם, א צומח, א חי, אדער א מדבר, איז אבער דער אמת אז די אלע זאכן זענען נאר א צודעק, עס איז א פארשטעלעכץ, דער אייבערשטער באהאלט זיך אונטער די אלע זאכן, און ווען א איד האט הייליגע אויגן זעט ער נאר דעם אייבערשטן אין יעדע זאך, ער ווייסט אז דער אייבערשטער איז באהאלטן אין יעדע זאך אויף דער וועלט.

עס איז נישטא נאך אזא וויכטיגע און חשובע זאך ביי א מענטש, ווי זיינע אויגן. און דער מענטש האט די ברירה אויב ער זאל הייליגן זיינע אויגן, אדער זיי מטמא זיין חס ושלום. ווען א איד נעמט זיך גוט אריין אין קאפ אז גארנישט אויף דער וועלט פאסירט פון זיך אליין. יעדע זאך אויף דער וועלט, סיי א קליינע זאך און סיי א גרויסע זאך, קומט נאר פונעם אייבערשטן

אַלײן; מיט דעם װערט געהײליגט זײַנע אױגן, ער קוקט נאָר אױפֿ׳ן אײבערשטן אַלײן. אױב אָבער פֿאַרגעסט ער פֿונעם אײבערשטן רחמנא ליצלן, און ער קוקט אױף זאַכן װאָס דער אײבערשטער לאָזט נישט קוקן דערױף, ער קוקט אױף פֿרעמדע פֿרױען, ער קוקט אױף שמוציגע בילדער, ער קוקט שמוציגע מאָװיס, ער קוקט אױף פּריצות; מיט דעם מאַכט ער טמא זײַנע אױגן, זײַן מוח װערט אײַנגאַנצן פֿאַרדרײט און צעמישט, ער װערט אַװעק געריסן פֿונעם אײבערשטן.

דאָס איז דער װעג װאָס פֿירט אַראָפּ דעם מענטש אַז ער זאָל חס ושלום אַרײַנפֿאַלן אין די האַרבע עבֿירה פֿון פּגם הבּרית, הוצאת זרע לבטלה, רחמנא ליצלן, און צו נאָך גאָר האַרבע און שמוציגע עבֿירות רחמנא ליצלן. אַזױ װי חז״ל זאָגן (סנהדרין מ״ה.) ״אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות״, דער יצר הרע קען נאָר

אַרבעטן אויף אַ מענטש, נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געקוקט אויף זאַכן וואָס מען טאָר נישט. דער עיקר כּח וואָס דער יצר הרע האָט איבער אַ מענטש, איז נאָר דורך דעם וואָס ער איז מכשיל דעם מענטש צו קוקן אויף שלעכטע זאַכן, אַלעס הויבט זיך אָן מיט די אויגן.

דערפאַר דאַרף אַ איד זען זיך צו שטאַרקן זייער פעסט צו האָבן "הײליקע אויגן", ווײל אײנמאָל ער וועט הײליגן זײנע אויגן, וועט ער שוין ווערן נאָנט צום אייבערשטן, ער וועט אָנהויבן זען נאָר דעם אייבערשטן פון יעדע זאַך. דאָס היטן די אויגן ברענגט אויפ'ן מענטש די גרעסטע קדושה, ער ווערט אַ הײליגער מענטש, ער ווערט צוגעבינדן צום אייבערשטן.

דָאס אִיז אָבֶער בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, דִי וֶועלְט אִיז לֵיידֶער פוּל מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִיצוּת אוּן שְׁמוּץ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, צוּ הַאלְטְן הֵיילִיג דִי אוֹיגְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן בֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ צוּ קֶענֶען הֵיילִיגְן דִי אוֹיגְן, וַוייל אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן.

סְפֶּעצִיעֶל אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ׳ן גַאס, וָואס דִי גַאס אִיז לֵיידֶער אָנְגֶעפוּלְט מִיט אַזוֹיפִיל פְּרִיצוּת מִיטְ׳ן צִיל אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען נָאךְ מֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיפְ׳ן גַאס אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן צוּרִיק קוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים מִיט הֵיילִיגֶע אוֹיגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר

הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ט׳): ״כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה״ וְכוּ׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת״. - ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס אוֹיפְ׳ן גַאס און עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף פְּרוֹיעֶן און צוּקוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל״ג, ז׳) ״הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן״, און דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן״. דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים וֵויינֶען פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, זֵיי קוּקְן צוּ וִוי אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי גַאס און קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן צוּ קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דַארְף דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין זִיכֶער רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין און לָאזְן אַ טְרֶער פַארְ׳ן אֵייבֶערְשְׁטְן, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאל זֵיי נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

וֶוען אַ אִיד גֵייט אַרוֹיס פוּן הוֹיז דַארְף עֶר זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אַ מִינוּט בַּיים טִיר, אַרוֹיפְלֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן הוֹיז בְּשָׁלוֹם, אוּן צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, אַז דִי נְשָׁמָה זָאל נִישְׁט צוּרִיק אַהֵיים קוּמֶען פַארְפְלֶעקְט מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען אַזוֹי רֵיין וִוי עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען. דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִין אַ מֶענְטְשׁ, אוּן וִויל אִים נָאר מַכְשִׁיל זַיין מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט.

אִין אוּנְזֶער דוֹר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דֶער יֵצֶר הָרַע פוּן נִאוּף אוּן עֲרָיוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים נָאר בְּרֶענְגֶען צוּ קוּקְן וִוי מֶער שְׁמוּץ, אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרֶעמְדֶע פְרוֹי אוֹיפְ'ן

גַאס, אַז עֶר זָאל קוּקְן אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וָואס דָאס בְּרֶענְט אוֹיס דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר וֶוערְט מַמָּשׁ מְשׁוּגֶע פוּן דֶעם.

חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ״ב.) ״אִשָּׁה חֵמֶת מָלֵא צוֹאָה, וּפִיהָ מָלֵא דַם, וְהַכֹּל רָצִין אַחֲרֶיהָ״, דִי תַּאֲוָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אִיז אַ פָּשׁוּטֶע מְשׁוּגַעַת. אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט מַמָּשׁ זַיין שֵׂכֶל, עֶר מוּז נָאכְקוּקְן יֶעדֶע פְרוֹי אוֹיפְ׳ן גַאס, עֶר מוּז קְרִיכְן, זוּכְן, אוּן קוּקְן, יֶעדֶע סָארְט שְׁמוּץ וָואס עֶר קֶען נָאר טְרֶעפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אִין דֶעם שְׁוֶוערְן דוֹר, אוּן אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס עֶר אִיז דֶער וָואס שְׁלָאגְט זִיךְ מִיטְ׳ן יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דִי עֵצוֹת, אוּן גֶעבְּט אוּנְז דִי חִיזוּק אוּן שְׁטַארְקַייט, וְוִי אַזוֹי מִיר

קֶענֶען זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אָפְּגֶערֶעדְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רמ"ד) אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם וָואס עֶר מוּז יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען טְרַאכְטְן פוּן בִּלְעָם. מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר מוּז יֶעדְן טָאג אַרְבֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען צוּ מַכְנִיעַ זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע, אַוֶועקְצוּנֶעמֶען זַיין טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט מִלְחָמָה צוּ הַאלְטְן מִיט דִי קְלִיפָּה פוּן בִּלְעָם וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה פַאר בָּלָק צוּ בְּרֶענְגֶען פְּרִיצוּת'דִיגֶע פְרוֹיעֶן צוּ מַכְשִׁיל זַיין דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן דוּרְךְ דֶעם צוּקוּמֶען צוּ שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פוּן אֵיין זַייט אִיז דָא דִי קְלִיפּוֹת אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועלְכֶע ווילְן נָאר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען אִים מַכְשִׁיל מִיט שְׁמוּץ, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייט דֶער רֶבִּי אוּן צִיט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער עִיקָר עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אִיז צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין גָארְנִישְׁט טוּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה, פַּרְשָׁה י', סִימָן ו'): "תְּנָה בְנִי לִבְּךָ לִי וגו', מָה רָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל הַלֵּב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִּהְיוּ אַחֲרָיו, לְפִי שֶׁהָעֲבֵרָה תְּלוּיָה בָּהֶם, עֵינָא וְלִבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן, הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזּוֹנָה, וְהַלֵּב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ". - "פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן אִים גֶעבְּן דִי אוֹיגְן מִיט דִי הַארְץ? וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ

נאר אין זיי, די אויגן זעען די עבירות, און דערנאך טראכט די הארץ דערפון".

רבי נתן זאגט (ליקוטי הלכות, פורים, הלכה ה', אות ט"ו) אז דער עיקר וועג ווי אזוי א איד קען ווערן בטל צום אייבערשטן, צו ווערן אינגאנצן צוגעבינדן צום אייבערשטן, איז נאר דורך דעם וואס ער הייליגט זיינע אויגן, נישט צו קוקן אויף ראיות אסורות, ער קוקט נאר צום אייבערשטן, ער זעט פון יעדע זאך דעם אייבערשטן וואס באהאלט זיך דארט.

דאס אויג פון א מענטש איז גאר א הויכע און געהויבענע זאך. די אויגן קענען זען גאר וואונדערליכע זאכן. און דאס איז נישט נאר אזוי ביי א גרויסער צדיק, נאר די אויגן פון יעדן מענטש אויף דער וועלט זעען שטענדיג גאר גרויסע און וואונדערליכע זאכן. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן רנ"ד) אז ווען מען פירט

דורך אַ זאַך גאָר שנעל פֿאַר די אױגן פֿון אַ מענטש, װעט דער מענטש נישט קענען זאָגן װאָס ער האָט געזען. כאָטש װאָס זײַנע אױגן האָבן פֿאַקטיש געזען די זאַך, אַזױ װי אָבער דאָס אױג האָט געזען די זאַך גאָר שנעל, האָט עס נישט געהאַט קײן צײַט צו שיקן דאָס בילד צום מוח, אַז דער מוח זאָל אױפֿכאַפּן און פֿאַרשטײן װאָס די אױגן האָבן געזען. פֿון דעם קען מען פֿאַרשטײן אַז עס זענען דאַ זאַכן װאָס דאָס אױג זעט, אָבער דער מוח כאַפּט עס נישט אױף.

אַזױ אַרבעט עס בײַ יעדן מענטש. די אױגן פֿונעם מענטש זעען שטענדיק גאָר װאונדערליכע און גרױסע זאַכן װאָס קומען פֿאָר אױף דער װעלט; נאָר ער זעט עס אַזױ שנעל, אַז עס האָט נישט קײן צײַט אָנצוקומען צו זײַן מוח, אַז זײַן מוח זאָל קענען אױפֿכאַפּן װאָס ער האָט געזען. אָבער צדיקים װאָס היטן זיך די אױגן, זײ

קֶענֶען יָא זֶען דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֵיי וֶוערְן אִינְגַאנְצֶען בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה וָואס קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ס"ה).

דֶערְפַאר וֶוען אַ אִיד זֶעט אַז עֶר אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁמוּץ אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוָוארְן בַּיי אִים וִוי אַ נַאטוּר אַז עֶר מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי אוֹיפְ'ן גַאס, עֶר זִיצְט צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ זַיין טֶעלֶעפָאן, צוּ זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, צוּ זַיין טֶעבְּלֶעט, צוּ זַיינֶע מַאגַאזִינֶען, אוּן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת דַארְף עֶר קוּקְן נָאךְ אוּן נָאךְ שְׁמוּץ. דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַלֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, דָאס הַרְגְ'ט אִים בְּרוּחְנִיוּת אוּן עֶס הַרְגְ'ט אִים אוֹיךְ

בְּגַשְׁמִיוּת, דָאס פַארְדְרֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אוּן לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זַיין שְׁמוּץ אוּן זֶעט נִישְׁט דֶעם וֶועג אַרוֹיס; דַארְף אָבֶּער דֶער אִיד וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס עֶר הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיין שְׁמוּץ אוּן אֱמֶת׳דִיג זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ב

## נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל״ו) אַז נִאוּף אוּן עֲרָיוֹת אִיז מַמָשׁ וִוי עֲבוֹדָה זָרָה. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים דַף פ״ד.): ״אָסִיר לֵיהּ לְבַּר נָשׁ לְאִסְתַּכְלָא בְּשְׁפִּירוּ דְאִנְתְּתָא, בְּגִין דְלָא יֵיתֵי בְּהִרְהוּרָא בִּישָׁא, וְיִתְעַקַר לְמִלָּה אָחֳרָא. וְכַךְ

הֲוָה רַבִּי שִׁמְעוֹן עָבִיד, כַּד הֲוָה אָזִיל בְּמָתָא, וַהֲווּ חַבְרַיָּיא אַזְלִין אֲבַתְרֵיהּ, וְחָמָא לְאִינְתּוּ שְׁפִּירָאן, מָאִיךְ עֵינֵיהּ, וַהֲוָה אָמַר לְחַבְרַיָּיא, אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם״. - וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיפְ׳ן גַאס אוּן עֶס אִיז זֵיי אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען פְּרוֹיעֶן, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם פָּסוּק (וַיִּקְרָא י״ט, ד׳) ״אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם. דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט אָז אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף עֲבוֹדָה זָרָה׳ס אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין עֲבוֹדָה זָרָה׳ס. אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר וָואס עֶס הָאט אַ שַׁייְכוּת דָאס קוּקְן אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן מִיט עֲבוֹדָה זָרָה, וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַאן מַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוֹיף פְּרֶעמְדֶע פְּרוֹיעֶן

און אויף פּריצות, ווייזט דאס אַז דער מענטש איז זייער ווייט פונעם אייבערשטן. נישט אומזיסט זאגן חז״ל (ברכות י״ב:) אויפ׳ן פּסוק (במדבר ט״ו, ל״ט) ״ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם; אחרי לבבכם - זו מינות, אחרי עיניכם - זה הרהור עבירה״, דער פּסוק זאגט אונז אָן אַז מיר זאלן נישט נאכגיין נאך די עבודה זרה׳ס און אויך נישט נאך נאוף, ווייל די צוויי זאכן גייען איינאיינעם.

חז״ל זאגן (ירושלמי ברכות, פּרק א׳, הלכה ה׳): ״ליבא ועינא תרי סרסורי דחטאה, אמר הקדוש ברוך הוא: אי יהבת לי לבא ועינא, אנא ידע דאנת לי״ - די הארץ מיט די אויגן זענען די צוויי מעקלער וועלכע ברענגען אַ מענטש צו טון עבירות, און דער אייבערשטער זאגט פאר יעדן איד: ״אויב געבסטו מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, דאן ווייסט איך אַז דו ביזט מיינער!״. ווען אַ

אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, עֶר הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַאן אִיז עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס אַ מֶענְטְשׁ, זַיין מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט פוּן אַ אִיד, וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין זַיינֶע אוֹיגְן. רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פּוּרִים, הֲלָכָה ה', אוֹת ה') אַז אִין דִי עֶרְשְׁטֶע וָוארְט פוּן דִי תּוֹרָה, "בְּרֵאשִׁית", אִיז שׁוֹין מְרוּמָז אַז מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תִּקוּנֵי זֹהַר, תִּקוּן א') "תַּמָן רָאשֵׁי תַּמָן בַּת, שֶׁהֵם תְּלַת גַוְנִין דְעֵינָא וּבַת עַיִן", אוּן דִי תּוֹרָה עֶנְדִיגְט זִיךְ אוֹיף מִיטְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, י"ב) "לְעֵינֵי כָּל יִשְׂרָאֵל". דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְ'ן סוֹף, וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אוֹיגְן. וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט דוּרְךְ מִיט דִי אוֹיגְן, עֶר

קוּקְט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס אִים שׁוֹין פִירְן וַוייטֶער עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר וֶועט דוּרְכְפַאלְן מִיט דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן צוּמָאל נָאךְ וַוייטֶער מִיט נַשְׁגַ״ז רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, עֶר זָאל נָאר קוּקְן אוֹיף גוּטֶע אוּן אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכְן, נָאר קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר קוּקְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ד׳, כ״ה) ״עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ וְעַפְעַפֶּיךָ יַיְשִׁרוּ נֶגְדֶּךָ״, אוּן (תְּהִלִּים קי״ט, י״ח) ״גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה נִפְלָאוֹת

מִתּוֹרָתֶךָ״, און (שָׁם כ״ה, ט״ו) ״עֵינַי תָּמִיד אֶל ה׳ כִּי הוּא יוֹצִיא מֵרֶשֶׁת רַגְלָי״.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זֶעט, טְרַאכְט עֶר גְלַייךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי זַאךְ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעשֶׁעט נִישְׁט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס ווילְן; וֶוען אַ אִיד לֶעבְּט מִיט דֶעם, דַאן וֶועט זִיךְ אָפְּקִילְן בַּיי אִים זַיין בְּרֶענֶענְדִיגֶע יֵצֶר הָרַע, עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי צוּגֶעצוֹיגְן צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

לֵיידֶער זֶענֶען מִיר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דֶעם, אוּנְזֶער מֹחַ אִיז נָאךְ פוּל מִיט שְׁמוּץ און נַארִישְׁקֵייטְן, און מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וואוּ מִיר דְרֵייעֶן

זִיךְ נָאר, זֶעעֶן מִיר נָאר שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ טוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. "שֶׁתַּעֲצִים עֵינֶיךָ מֵרְאוֹת בָּרָע. כִּי הִיא תְּחִילַּת הָעֲבֵירָה, שֶׁהָעַיִן רוֹאֶה וְהַלֵּב חוֹמֵד וּכְלֵי הַמַּעֲשֶׂה גוֹמְרִין" (טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן א'), - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, גְלוּסְט נָאכְדֶעם זַיין הַארְץ צוּ דִי זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט עֶר צוּ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא ע"ד:): "טוֹב מַרְאֶה עֵינַיִם בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִגּוּפוֹ שֶׁל מַעֲשֶׂה שֶׁנֶּאֱמַר (קֹהֶלֶת ו', ט') טוֹב מַרְאֶה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ", עֶס אִיז עֶרְגֶער דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן אוֹיף שְׁמוּץ, וִוי דָאס טוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין.

אַזוֹי וַוייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן אַז חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא נ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל"ג, ט"ו) "וְעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע - זֶה שֶׁאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה", דֶער פָּסוּק לוֹיבְּט אוֹיס

דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרוֹיעֶן אִין דִי צַייט וָואס זֵיי וַואשְׁן וֶועשׁ, וָואס דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ס"א.): "לֹא יְהַלֵּךְ אָדָם אֲחוֹרֵי אִשָּׁה בַּדֶּרֶךְ, וְכָל הָעוֹבֵר אֲחוֹרֵי אִשָּׁה בַּנָּהָר, אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא. תָּנוּ רַבָּנָן, הַמְרַצֶּה מָעוֹת לְאִשָּׁה מִיָּדוֹ לְיָדָהּ כְּדֵי לְהִסְתַּכֵּל בָּהּ, אֲפִילוּ יֵשׁ בְּיָדוֹ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים כְּמֹשֶׁה רַבֵּינוּ, לֹא יִנָּקֶה מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי י"א, כ"א) יָד לְיָד לֹא יִנָּקֶה רָע, לֹא יִנָּקֶה מִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנּוֹם", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט גֵיין הוּנְטֶער אַ פְרוֹי אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן וֶוער עֶס גֵייט הוּנְטֶער אַ פְרוֹי וֶוען זִי גֵייט אַרִיבֶּער אַ טַייךְ, וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וַוייל זִי הוֹיבְּט אוֹיף אִירֶע קְלֵיידֶער אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף אִיר. אוּן וֶוער עֶס גֶעבְּט אִיבֶּער גֶעלְט פַאר אַ פְרוֹי, פוּן זַיין הַאנְט צוּ אִיר הַאנְט, וַוייל עֶר ווִיל קוּקְן אוֹיף אִיר, וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן גֵיהִנּוֹם. אוּן וָואס זָאלְן מִיר שׁוֹין זָאגְן

הַיינְט אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען אַלֶעס אִיז אַזוֹי אָפְן, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אַזוֹי אוֹיסְגֶעלַאסְן, מִיט פְּרִיצוּת'דִיגֶע קְלֵיידֶער וָואס רֵייצְן אָן דֶעם מֶענְטְש צוּ קוּקְן, אָדֶער אוֹיסְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן מַמָש ווִי חַיוֹת פוּן וַואלְד אָן קַיין שוּם בּוּשָה. אוּן דֶער מַצָב אִיז שוֹין הַיינְט נָאךְ עֶרְגֶער, אַז הַיינְט קֶען מֶען שוֹין לֵיידֶער זִיצְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן קוּקְן מָאוִויס אוּן ווִידִיאָס פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע סָארְט שְמוּץ וָואס עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן אִיבֶער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזַא צַייט? יֶעדֶער אִיד ווִיל זַיין ווַאוּיל, קֵיינֶער ווִיל נִישְט דֶערְצֶערְעֶנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן, אוּן קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְט אַלֵיין אָפְּ'הַרְגְ'נֶען זַיין לֶעבְן; מֶען זֶעט אָבֶער נִישְט דֶעם וֶועג אַרוֹיס, מֶען וֵוייסְט נִישְט ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער אִין וָואס מֶען אִיז גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט.

דַארְף מֶען וויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר צוּ טְרֶעפְן אַ שְׁטִילֶע ווינְקֶל, אַ רוּאִיגֶע פְּלַאץ וָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן זִיךְּ אוֹיסְרֶעדְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען הָאט, אַרוֹיסְזָאגְן פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן וָואס מֶען טוּט נָאכְאַלְץ, אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְּ בֶּעטְן בַּיי אִים אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן "הֵיילִיגֶע אויגְן".

נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, נָאר דוּרְכְ'ן רֶעדְן אוּן שְׁרֵייעֶן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד גֶעווֹאוֹינְט זִיךְּ צוּ צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט, עֶר פַארְלִירְט שׁוֹין דִי בְּרֶען אוּן חֵשֶׁק

צו קוקן שמוץ, ער הױבט אָן צו באַקומען אַ חשק צו זען נאָר דעם אײבערשטן, צו שפּירן נאָר דעם אײבערשטן, װאָס דאָס איז אמת'דיג די בעסטע און זיסטע זאַך אױף דער װעלט.

עס גײט טאַקע נישט אין אײן טאָג, עס קען נעמען צײַט, אין אָנהױב איז זײער שװער צו רעדן צום אײבערשטן. װען אַ מענטש קוקט שמוץ, װערט זײַן מח אַזױ פאַרקרומט אַז ער פאַרגעסט אינגאַנצן פונעם אײבערשטן, ער שפּירט נישט דעם אײבערשטן, עס קריכן אים אַרײַן אין קאָפּ מחשבות פון כפירות און אפּיקורסות, ער רעדט זיך אײַן אַז דער אײבערשטער איז זײער װײַט פון אים, און ער קען נישט גלײבן אַז דער אײבערשטער הערט אים אױס (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ס"ב). װען דער מענטש װײסט אָבער דערפון, ער װײסט אַז עס קומט אַזױ אַז ער זאָל נישט שפּירן

אִין אָנְהוֹיבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, דַאן וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקייטְן, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אָן קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. אוּן נָאכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זַיין מֹחַ אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיט אִים, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס אוּן עֶר וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן.

ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אָבֶּער נָאכְנִישְׁט דָארְט, דַארְף עֶר זִיךְ דֶערְוַוייל מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. חַזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ח.) "אֵין תְּפִלָּתוֹ שֶׁל אָדָם נִשְׁמַעַת אֶלָּא אִם כֵּן מֵשִׂים נַפְשׁוֹ בְּכַפּוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַמָשׁ הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף זַיינֶע

גֶעפִילְן, נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף אִים אוּן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כ״א) אַז וֶוען דֶער מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צֶעקְוֶועטְשְׁט, זַיין מֹחַ אִיז אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, דַארְף עֶר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיבֶּעצִיג קוֹלוֹת, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶר מֹחַ. אוּן דִי זֶעלְבֶּע זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ל״ו) אַז וֶוען אַ אִיד הָאט שְׁטַארְקֶע נִסְיוֹנוֹת אִין תַּאֲוַת נִאוּף, זָאל עֶר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיבֶּעצִיג קוֹלוֹת.

דֶערִיבֶּער דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְן שֵׂכֶל אוּן יֶעדְן טָאג קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט

וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם צוּ רֶעדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וֶוערְן אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ל', סִימָן ג'): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד, אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תְּבַזֶּה אֶת תְּפִלָּתָם", הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג אוּן נִישְׁט קַיין נָבִיא, נִישְׁט קַיין כֹּהֵן אוּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, זֵיי הָאבְּן נָאר דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, בֶּעט זִיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם אַז עֶר רֶעדְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, און סוף כָּל סוף וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרויסְקְרִיכְן פון אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

חַזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא): "אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה, שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה וְהִיא גְדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת. וַאֲפִלּוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לְהֵעָנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים, אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער: אִיר זָאלְט זַיין זֵייעֶר גֶעוָואוּרְנְט אִין תְּפִלָּה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פון דֶעם, און דָאס אִיז גְרֶעסֶער פון אַלֶע קָרְבָּנוֹת, און אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט וֶוערְד אַז מֶען זָאל אויסְהֶערְן זַיין תְּפִלָּה און אִים הֶעלְפְן, אויב אָבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן און אַסַאךְ

בֶּעטְן און בֶּעטְן, וֶועל אִיך טון מִיט אִים אַ חֶסֶד און עֶנְטְפֶערְן זַיין תְּפִלָה.

אויב אַ אִיד וֶועט נִישְׁט אויפְגֶעבְן, נָאר זִיך אַיינְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הֶעלְפְן.

## ג

## אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע נוּצְט צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַ אִיד אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָפְלָאזְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן און זִיך צוּרִיק קֶערְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דוּרְך דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע צֶעבְרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ און רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר הָאט שׁוין אַזויפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין לֶעבְן, אַז עֶר הָאט שׁוין נִישְׁט קַיין וֶועג צוּרִיק, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוין נִישְׁט הָאבְן, און אַז

ער איז שוין אַזוי שטאַרק צוגעוואוינט צו זײַנע עבֿירות אַז עס איז שוין נישט מעגליך זיך פֿאַר אים זיך אָפּצוהאַלטן דערפֿון.

אַ מענטש קוקט זיך אָן און זעט ווי ער ליגט אײַנגעזינקען מיט׳ן גאַנצן קאָפּ און מוח אין שמוץ, אויפֿ׳ן גאַס מוז ער זיך אויסדרייען צו קוקן אויף יעדע פֿרוי, אינדערהיים און אין אָפֿיס האָט ער אַ קאָמפּיוטער אויף וואָס ער הערט נישט אויף צו קוקן שמוץ און נאַרישקייטן, אין טאַש האָט ער אַ טעלעפֿאָן און מאַגאַזינען מיט אַלע סאָרט שמוץ, און וויפֿיל מאָל ער האָט שוין פּרובירט אויפֿצוהערן מיט די זאַכן, וויפֿיל מאָל ער האָט שוין אָפּגעמאַכט אַז גענוג איז גענוג, ס׳איז שוין העכסט צײַט אָפּצולאָזן די שמוציקע זאַכן און ווערן אַ נאָרמאַלער מענטש, האָט עס אָבער קיינמאָל נישט געאַרבעט, יעדעס מאָל איז ער

נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעפַאלְן אוּן וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן שְׁמוּץ; אוּן דָאס אִיז וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְש טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען זִיךְ אַרוֹיסְזֶען פוּן דִי זַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְש אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן. ווִיפִיל אַ מֶענְטְש הָאט שׁוֹין צוּזַאם גֶעזִינְדִיגְט אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג אַ וֶועג אַרוֹיס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי"ב) "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵּן" - אוֹיבּ גְלֵייבְּסְטוּ אַז מֶען קֶען פַארְדַארְבְּן, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן. ווִיפִיל אַ מֶענְטְש הָאט נָאר אָפְּגֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, ווִיפִיל אַ מֶענְטְש הָאט נָאר פַארְדָארְבְּן אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט עֶר נָאכְאַלְץ אַ שַׁאנְס צוּ פַארְרֶעכְטְן, עֶר קֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דָאס אַלֵײן אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵײבְּט אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ חוּרְבָּן; אַז מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעקוּקְט רְאִיוֹת אַסוּרוֹת, הָאט עֶר מִיט דֶעם פַארְדָארְבְּן; דָאס וַוײזְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵײבְּט אִינֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן, און דָאס אַלֵײן וֶועט אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ע״ח): ״אֵין שׁוּם יִאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַײן יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן״, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן דֶערְפוּן און וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אָטֶעמְט נָאךְ, קֶען עֶר נָאךְ אַרוֹיסְקְרִיכְן

פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים קי״ט.): ״יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, צוּ מְקַרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (שְׁמוֹת רַבָּה י״ט, ד׳): ״אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לְבִרְיָּה אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל, הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לְהִכָּנֵס, יִכָּנֵס״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְּט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ. אַלֶע טִירְן אוּן טוֹיעֶרְן זֶענֶען אַלֶעמָאל אָפְן פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק נֶעמֶען אוּן אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ד׳) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, וֶוערְן דִי עֲבֵירוֹת אַרֵיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן דָאס אִיז וָואס צֶעבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשְׁ'ס בֵּיינֶער, דָאס צֶעבְּרֶעכְט אִים זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶר

הָאט גֶעטוּן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער.

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט. חַזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה כ', י"ג): "וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה' חָטָאתִי, שֶׁהָיָה רָשָׁע עָרוּם וְיָדַע שֶׁאֵין עוֹמֵד מִפְּנֵי הַפֻּרְעָנוּת אֶלָּא תְּשׁוּבָה, שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר 'חָטָאתִי', אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", בִּלְעָם הָרָשָׁע הָאט גֶעוואוּסְט דֶעם סוֹד אַז אֲפִילוּ וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאר גֶעפַאלְן קֶען עֶר אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ שֶׁעלְטְן דִי אִידְן הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן דַאן הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט "חָטָאתִי - אִיךְ

האָב געזינדיגט״, װײל ער האָט געװאוסט אַז תּשובה איז די זאַך װאָס קען צוריק האַלטן יעדע סאָרט שטראָף, װי נאָר אַ מענטש זאָגט אַרויס פאַר׳ן אײבערשטן אַז ער האָט געזינדיגט, דאַן קען שוין קײן שום מלאך אים נישט אָנרירן און שלעכטס טון. בּלעם הרשע האָט דאָך זיכער נישט געמײנט אמת׳דיג תּשובה צו טון, ער האָט נאָר געװאָלט טשעפען און שעלטן די אידן, ער האָט דאָך נאָר געװאָלט מכשיל זײן די אידן מיט האַרבּע עבירות און זײ דערװײטערן פונעם אײבערשטן, און פון דעסט װעגן האָט אים געהאָלפן דאָס װאָס ער האָט זיך מתודה געװען און געזאָגט פאַר׳ן אײבערשטן אַז ער האָט געזינדיגט; איז דאָך זיכער אַז יעדער איד, נישט קײן חילוק װי װײט ער איז פונעם אײבערשטן, קען זיכער גאָר גרינג צוריק קומען צום אײבערשטן, און דער אײבערשטער װעט אים אױפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

נִישְׁט קַײן חִילוּק װיפִּיל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין געזינְדִיגְט אִין זַײן לֶעבְּן, נִישְׁט קַײן חִילוּק מִיט װָאס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין פִּילֶע מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזִינְדִיגְט מִיט נַשְׁגַ״ז, אָדֶער סַיי װֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת עֶר הָאט שׁוֹין עוֹבֵר גֶעוֶועזְן; קֶען עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה. עֶר דַארְף זִיךְ נָאר מִתְוַודֶה זַײן פַארְ׳ן אֵײבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְקַבֵּל זַײן אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵײבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל עֶס טַאקֶע מֶער נִישְׁט טוּן.

סְפֶּעצִיעֶל װֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ פָארְן צוּם הֵײלִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אִיז נִישְׁט דָא קַײן גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. דֶער הֵײלִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט, אוּן

עֶר הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי עֵדִים אוֹיף דֶעם, אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר, עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַּאר צְדָקָה לִזְכוּתוֹ, אוּן עֶר וֶועט דָארְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִים פוּן "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" [ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ], אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל, עֶר וֵוייסְט ווִיפִּיל עֶר אִיז שׁוֹין נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין קוּקְן אַזוֹיפִּיל שְׁמוּץ, וָואס דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ טוּן נָאךְ הַארְבֶּע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, וֶועט עֶר זִיכֶער זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פָּארְן כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אוּן דָארְט וֶועט עֶר זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גַאנְצֶער תִּיקוּן.

דוּ בִּיזְט טַאקֶע שׁוֹין דוּרְכְגֶעפַאלְן אַזוֹיפִיל מָאל אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז דִיר טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּלָאזְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

# אַ תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף ״הֵיילִיגֶע אוֹיגְן״

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר. אִיךְ בִּין אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין אַ

פְלָאנְטֶער, אִיךְ פַאל דוּרְךְ מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין מְטַמֵא מַײנֶע אױגְן מִיטְ'ן קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מִיר שׁוֹין צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת.

וֵוײ אִיז מִיר, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ וַוײזְן מַײן פָּנִים פַאר דִיר, אִין דִי צַײט וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, אִין דִי צַײט וָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דִיר אוּן דִיר דֶערְצֶערְנְט. פוּן אַזוֹיפִיל קוּקְן שְׁמוּץ אוּן זִינְדִיגְן, אִיז מַײן מֹחַ שׁוֹין גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵײט, אַז אִיךְ שְׁפִּיר דִיר שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז דוּ בִּיזְט מִיט מִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן ? דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר ! דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער מִיר ! אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס אִיךְ פַאל דוּרְךְ

אִין עֲבֵירוֹת, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן בַּיי מִיר ווִי אַ נַאטוּר צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן אוּן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן דָאס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶערִיסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ מְטַמֵא גֶעוֶוען מַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ. הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא בִּדְרָכֶךָ חַיֵּנִי, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל אִיךְ דָאס מֶער נִישְׁט טוּן, הֶעלְף מִיר אַז פוּן יֶעצְט זָאל אִיךְ שׁוֹין הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל קוּקְן נָאר אוֹיף הֵיילִיגֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל קוּקְן נָאר אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נָאר שְׁפִּירְן דִיר, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה טוּן אִינְגַאנְצְן. אוּן נִישְׁט נָאר

זאָל איך אַלײן תּשובָה טון, נאָר איך זאָל נאָך אויך מַחֲזִיר בּתשובָה זײַן נאָך אידן, איך זאָל צוריק בּרענגען נאָך אידן צום אײבּערשטן, און אין דעם זכות וואָס איך וועל צוריק בּרענגען מענטשן צו דיר, זאָלסטו מיר מוחל זײַן אויף אַלע שלעכטס וואָס איך האָב געטון.

רבּונו של עולם, הײליגער בּאַשעפער, לײַכט מיר אויף מײַנע אויגן, העלף מיר אַז נאָך יעצט, ווען איך לעב נאָך דאָ אויף דער וועלט, זאָל איך זוכה זײַן צו פאַרריכטן אַלעס וואָס איך האָב פּוגם געווען. נעם אָן מײַן תּשובָה, און העלף מיר אַז איך זאָל שוין אײבּיג זײַן נאָר וואויל און ערליך, אָמֵן סֶלָה.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות מורינו הקדוש אור
נפלא אשר כל רז לא אניס ליה

**רבינו נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו**
**ותלמודו**
**רבי נתן מברסלב זכותו יגן עלינו**

זכות הגדול יגן עלינו להתברך בכל
מילי דמיטב, בני ברוכי, חיי ארוכי,
ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

יואל בן ריצא רעכיל נ"י
וזוגתו
אסתר גיטל בת חיי שרה הודיא תחי'

**וילדיהם**

שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל, שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה
נדפס לזכות

**ישראל מיכל בן יודת נ״י**
**וזוגתו**
**אסתר בת שרה תחי׳**

וילדיהם
**מירל, יעקב גרשון.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברך מפי אל עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## מרדכי שאול יעקב בן צביה פערל נ"י
## וזוגתו
## מלכה רחל בת לאה נעמי תחי'

## וילדיהם

נחמה אסתר, חנה פראדל, דבורה גיטל,

בלומא, נפתלי צבי, פייגא ליבא, ישראל יוסף, חיה שיינדל.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברך מפי אל אליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן
כן יהי רצון.